# משיחות אור ליום ג' פ' ויחי, עשרה בטבת,
# יהפך לשמחה – בחדרו – ה'תשל"ח

א. דער ענין פון א תענית איז, ווי דער רמב"ם[1] זאגט "מדרכי התשובה הוא" — וואס אזוי איז אויך בנוגע צו די ד' צומות, אז זיי זיינען "כדי לעורר הלבבות לפתוח דרכי התשובה"[2].

דערפאר איז געווען א מנהג[3] בכמה קהלות אז ביום התענית [בזמן[4] תפלת מנחה[5]] פלעגט מען זאגן דברי כבושין[6], אויף מעורר זיין צו תשובה.

מצד סיבות שונות איז דער מנהג געבליבן, ליידער, נאר אין געציילטע ערטער[7].

א לימוד זכות אויף דעם (וואס ברוב המקומות טוט מען עס ניט), ווארום מ'דארף ניט האבן קיין גרעסערע "דברי כבושין" ווי די הפטרה וואס מען זאגט אין א תענית צבור צו מנחה,

און ס'איז דאך[8] א יום מלאכה ואין להטריח[8*],

זעט מען דאך אבער במוחש, אז די התעוררות פון (זאגן אדער) הערן א נוסח קבוע (דההפטרה) ובלשון הקודש וכו' איז ניט בדומה צו דער התעוררות פון די דברי כבושין וואס זיינען ניט בנוסח קבוע, זיינען בשפה המדוברת וכו'.

ובפרט אז אין די דברי כבושין וואס מען פלעגט זאגן בתענית צבור, פלעגט מען ריידן בפירוש (אויך) וועגן ענינים העומדים על הפרק.

ב. און דאס איז אויך איינע פון די מטרות פון דעם איצטיקן ריידן:

אזוי ווי ס'איז געבליבן עטלעכע שעות ביז צו דער התחלה פון "צום העשירי" [וואס הויבט זיך אן ערשט אינדערפרי]

— איז כדאי צו מעורר זיין אויף דעם מנהג הנ"ל, אז אין די ערטער וואו מען קען עס אויספירן, זאל מען זאגן נאך מנחה (א פאר ווערטער, לכה"פ) "דברי כבושין", אדער א מזמור תהלים המתאים לענינים אלו,

און אין די ערטער וואס מצד טרחא דצבורא [אדער מצד ביטול מלאכה[9], וכיו"ב] קען מען עס ניט אויספירן — זאל מען טראכטן עכ"פ במחשבה אן ענין פון "דברי כבושין",

און וויבאלד אז "רחמנא לבא בעי"[9*] — ובפרט אין ענינים וואס זיינען פארבונדן מיט תשובה, וואס "עיקר

1) הלכות תעניות פ"א ה"ב.

2) שם רפ"ה.

3) ראה זכרונות כ"ק מו"ח אדמו"ר (ספר הזכרונות ח"א ע' 233. 268. "התמים" ח"ד ע' לו [קפג, ב]).

4) ראה ערוך השולחן או"ח (סתקע"ט ס"ג): "וכן בכל תענית או בער"ח כשאומרים דברי מוסר יאמרו קודם תפלת מנחה" (וכנראה שהוא ע"פ המשנה שבהערה 6).

5) אבל לא בשחרית — משום ביטול מלאכה. בדוגמת ההפטורה ["דרשו", שהיא "מדרכי התשובה"], שאין מפטירין אותה בשחרית "משום ביטול מלאכה לעם" (לבוש או"ח סתקס"ו ס"ב).

6) ראה תענית רפ"ב. שו"ע או"ח סו"ס תקע"ו (סתקע"ט ס"א).

7) וכבר תמה בכיו"ב במג"א שם (סו"ס תקע"ו). וראה נו"כ השו"ע שם.

8) ע"פ הנ"ל בהערה 5.

8*) משא"כ בדורות הקודמים שלתפלת מנחה (בימי צום) כבר גמרו מלאכתן.

9) ובפרט במדינות אלו, שהימים דתקופת טבת הם קצרים.

9*) הובא בכ"מ — והוא ע"פ (גירסת רש"י ב)סנהדרין קו, ב.

התשובה בלב"[10] — איז „מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה"[10*].

ג. ואע"פ אַז דער אַלטער רבי איז מבאר אין תניא[11], אַז פון דעם לשון „מצרפה למעשה" (און ניט „כאילו עשאה") איז מוכח אַז מען דאַרף האָבן אַ מעשה צו וועלכער מ'איז מצרף די מחשבה [און דער אויפטו פון „מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה" איז אַז די מחשבה און די מעשה זאָלן ניט זיין באַזונדער, נאָר אַז די מחשבה זאָל נצטרף ווערן און נתחבר ווערן צו דער מעשה, וואָס דאַן ווערט עס אַ דבר שלם],

איז דאָך ידוע[12] דער פירוש אין „השלך על ה' יהבך והוא יכלכלך"[12*], אַז בשעת דער בטחון אין דעם אויבערשטן איז ווי עס דאַרף צו זיין, ביז אַז דאָס איז אין אַן אופן פון „השלך על ה' יהבך", איז דעמולט „והוא יכלכלך", אַז דער אויבערשטער שטעלט צו אויך די כלים אין וועלכע עס זאָל אַראָפּ־קומען ברכתו של הקב"ה בטוב הנראה והנגלה,

וואָס דערפון איז מובן אויך בנוגע צו ענינים וואָס זיינען פאַרבונדן מיט רוחניות [וי"ל דאדרבה, בענינים רוחניים איז דאָס נאָך ביתר שאת וביתר עוז], אַז בשעת דער אויבערשטער זעט [וואָס „ה' יראה ללבב"[13]] אַז די מחשבה טובה [שבלב] איז בתוקף ובאמת — איז „והוא יכלכלך", אַז דער אויבערשטער איז מזמין כמה ענינים וסיבות אַז ער זאָל טאָן אויך אַ מעשה[14] [און אַז דאָס זאָל אָנקומען בקל — עכ"פ בערך עבודתו לפנ"ז ולאח"ז],

ובנוגע לענינינו: אַז דער אויי־בערשטער וועט צושטעלן די „כלים" אַז מען זאָל טאָן מעש"ט בפועל, והקב"ה מצרפן.

ד. און אין דער תשובה — ביז צו תשובה מאהבה וואָס טוט אויף ניט נאָר אַז די עונות ווערן בטל [„נעקר עונו מתחלתו"[15]], נאָר נאָך מער: אַז די זדונות גופא ווערן נהפך צו זכיות[16],

וואָס דאָס וועט אויך ברייננען[17] דעם קיום היעוד אַז „כל הצומות האלו עתידים ליבטל"[18], און נאָך מער „ולא עוד אלא שהם עתידים להיות ימים טובים[19] וימי ששון ושמחה"[18], ביז אַז (ניט נאָר די ימי הצומות, נאָר) אויך דער

10) תניא פכ"ט (לו, ב).

10*) קידושין מ, א.

11) ספט"ז.

12) ראה סד"ה ולא זכר תרפ"ח.

12*) תהלים נה, כג. ולהעיר, שפסוק זה הוא בשיעור תהלים (החדשי) דעשירי בטבת.

13) ש"א טז, ז.

14) ראה ד"ה בטח בה' תש"ב ע' 87: „והפירוש האמיתי דמצרפה למעשה הוא דכאשר איש ישראל חושב לעשות איזה דבר בלימוד התורה בקיום המצוות .. הקב"ה מצרף כמה ענינים בהשגחה פרטית שיבוא לידי מעשה".

15) פרש"י ד"ה כאן מאהבה — יומא פו, א.

16) שם פו, ב. וראה בארוכה לקו"ש חי"ז ע' 185 ואילך, שענין זה דזדונות נעשים כזכיות הוא אופן נעלה יותר בתשובה מאהבה גופא מהתשובה דאהבה שעל ידה נעקר עונו מתחלתו.

17) ועפ"ז יומתק מ"ש הרמב"ם (סוף הל' תעניות) „כל הצומות האלו עתידים ליבטל כו'" — אף שספר היד הוא (רק) „הלכות" (כמ"ש הרמב"ם בהקדמתו) — כי זה נוגע להתענית שהוא „כדי .. לפתוח דרכי התשובה" שתהי' עד כדי שיהפכו הצומות ע"י שיהפכו הזדונות כו' (כמבואר בארוכה בלקו"ש חט"ו ע' 415-6 ובהערות שם).

ועוד: מכיון „שכל דברי תורה מצווים אנו לעשותן עד עולם" (רמב"ם הל' יסוה"ת רפ"ט) — לכן הוזקק לומר ש„הצומות האלו (דינם מלכתחילה ש)עתידים ליבטל לימות המשיח".

18) רמב"ם סוף הלכות תעניות.

19) כ"ה הגירסא בכמה דפוסים. וראה לקמן ע' 528 הערה 30.

ענין הצום גופא וועט נהפך ווערן לטוב, לששון ולשמחה[20].

ה. די התעוררות אויף תשובה אין די ד' צומות איז דאך פארבונדן מיט „זכרון דברים אלו"[21] וואס האבן פאסירט בפעם הראשונה,

איז דער מאורע וואס האט געטראפן בעשירי בטבת (וואס דערפאר האט מען מתקן געווען דעם „צום העשירי") איז — „שבו[22] סמך מלך בבל נבוכדנאצר הרשע על ירושלים והביאה במצור ובמצוק", כמסופר בכמה מקומות בתנ"ך[23]

[ובפרט אין יחזקאל[24], וואס דארטן שטייט ניט נאר דער סיפור המאורע [אז בעשירי בטבת „סמך מלך בבל אל ירושלים"] נאר אויך אז דער אויבערשטער האט געהייסן פארשרייבן דאס — „כתב לך את שם היום את עצם היום הזה"[25] (און דורך דעם איז באוואוסט געווארן אז ער איז א נביא אמת[26], ובמילא איז דאס אויך מאמת נבואות הגאולה פון יחזקאל)].

און אע"פ אז אויך נאך דעם וואס „סמך מלך בבל אל ירושלים בעצם היום הזה"[27] איז געבליבן ירושלים גאנץ, און עאכו"כ אז דער ביהמ"ק איז געווען בשלימות, ביז אז ס'איז ניט געווען אפילו קיין גרעון אין די קרבנות — פונדעסטוועגן איז דא א חומר אין עשרה בטבת אויף שבעה עשר בתמוז וואס אין דעם טאג איז „בטל התמיד והובקעה העיר"[28], און אפילו אויף תשעה באב וואס אין אים איז „חרב הבית" (ועל אחת כו"כ אויף צום גדלי').

ווי דער דין איז (לפי דיעה[29] אחת[30]), אז „י' בטבת הוא משונה משאר תעניות, שאם הי' חל בשבת לא היו יכולין לדחותו ליום אחר".

וא"ו. דעם טעם אויף דעם בפשטות י"ל[31]: דער „ותבוא העיר במצור"[32] וואס איז געווען בעשרה בטבת איז געווען די התחלה וואס האט סוף דערפירט צום „ותבקע העיר"[33] (וואס איז געווען בשבעה עשר בתמוז), ביז צום „וישרוף את בית ה'"[34] (וואס איז געווען בתשעה באב).

און וויבאלד אז דער ענין פון די ד' צומות איז „כדי לעורר הלבבות לפתוח דרכי התשובה" — דעריבער איז דא א (חומר און א) תוקף מיוחד אין דעם צום

---

20) ראה בארוכה לקו"ש שם ס"י (ע' 7־416).

21) רמב"ם שם רפ"ה.

22) רמב"ם שם פ"ה ה"ב.

23) מ"ב כה, א־ב. ירמי' נב, ד־ה.

24) כד, ב.

25) ובפרט לדעת האבודרהם (הובאה לקמן בפנים) שמלשון את עצם גו' ילפינן דיש לצום זה תוקף דיוהכ"פ (שדוחה שבת).

26) רד"ק ומצודת דוד יחזקאל שם.

27) יחזקאל כד, ב.

28) תענית כו, ריש ע"ב במשנה.

29) אבודרהם הל' תעניות — הובא בב"י לטאו"ח סתק"נ. ואף שכותב ע"ז (הב"י) ולא ידעתי מניין לו זה — אינו דוחה דעתו בפירוש. ואף שפרש"י (ד"ה אבל — מגילה ה, א — הביאו בב"י שם לפנ"ז) שנדחה הצום מפני השבת, הרי רש"י בפירושו (משא"כ בשו"ת שלו, כפשוט) פרשן ולא פוסק (יד מלאכי כללי רש"י ס"ב) וכשנמצא פוסק חולק (על פרש"י) אזלינן כוותי', והאבודרהם פוסק הוא.

ובכל אופן צ"ע, דהרי ברור כתב הרמב"ם (הל' תעניות פ"ה ה"ה) — הובא בב"י שם: אחד מארבעה ימי הצומות שחל להיות בשבת דוחין אותו לאחר השבת (ואאפ"ל דארבעה לאו דוקא — באם דין אחד מהם הוא היפך ממש"כ בתור פס"ד).

30) משא"כ בשאר הצומות (לבד יוהכ"פ) — לכ"ע אין מתענין בשבת.

31) ראה עד"ז לקו"ש שם סט"ז (ע' 1־420).

32) מ"ב כה, ב. ירמי' נב, ה.

33) מלכים שם, ד. ירמי' שם, ז.

34) מלכים שם, ט. ירמי' שם, יג. וראה תענית כט, א.

פון עשרה בטבת, ווילע דאן (ווען „סמך מלך בבל אל ירושלים בעצם היום הזה" [27]) איז געווען די ווארענונג מל־מעלה אז אויב מען וועט ניט תשובה טאן, וועט פון דער התחלה קומען א המשך כו'.

ז. דער „זכרון דברים אלו" איז דאך בכדי אז „נשוב להיטיב" [21] — איז פון די ענינים וואס מען דארף אפלערנען פון עשרה בטבת [ובפרט בזמנינו זה, וואס דער בלבול המוחות איז אויף אזוי פיל ביז אז „שמים חושך לאור ומר למתוק" [35]]:

ירושלים איז ירא שלם [36], ד.ה. די שלימות פון יראת שמים [37]. איז בשעת מען זעט א מצור אויף יראת שמים, איז אפילו ווען דער מצור איז ניט אויף ענינים חמורים נאר אויף א דקדוק קל של דברי סופרים, אדער אפילו מערניט ווי אויף אן ענין וואס עס האט מחדש געווען א תלמיד ותיק בדורות האחרונים (וואס אויך דאס איז ניתן למשה מסיני [38])

[ובדוגמת ווי ס'איז געווען דאן, אז דעם ביהמ"ק מיט די קרבנות האט מען ניט געטשעפעט, מען האט געמאכט א מצור מבחוץ [39] — און נאר אויף ירושלים],

דארף מען טאן כל מיני השתדלות צו מבטל זיין דעם מצור, ווארום דאס (דער מצור אויף קלה שבקלות) איז א התחלה וואס קען ברייגנען צו ווייטערדיקע תוצאות רח"ל, ווי די גמרא זאגט [40] „היום אומר לו כך כו' עד שאומר לו לך ועבוד כו'".

ח. ווי קען דער יצה"ר איינריידן א אידן צו עובר זיין אפילו אויף אן ענין וואס איז נתחדש געווארן דורך א תלמיד ותיק — בשעת אז דער איד הערט אז „כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש ניתן למשה מסיני"?

איז דער דרך אין דעם, אז דער יצה"ר רעדט איין דעם אידן, אז דורך דעם וואס ער וועט פארבייגן אויף דעם חידוש פון דעם תלמיד ותיק, וועט ער „פארדינען" א גרעסערע מצוה (אדער עטלעכע מצוות).

און דער יצה"ר איז נאך „מסביר", אז תורה אליין זאגט אז מען קען מדחה זיין איין ענין צוליב א צווייטן, אזוי ווי עשה דוחה לא תעשה: פקוח נפש דוחה שבת, וכיו"ב.

דער אמת איז אבער, אז מיט דער דאזיקער טענה (צו פארבייגן אן ענין קל צוליב אן ענין חמור) איז דער יצה"ר אויסן (ניט צו פארהיטן דעם ענין חמור, נאר) צו מכשיל זיין דעם אידן אין אן ענין קל, און דורך דעם [41] — (דערנאך) אויך אין אן ענין חמור, ווי געבראכט פריער וואס די גמרא זאגט „היום אומר לו כך כו' עד שאומר כו'".

ומובן בפשטות, אז דאס האט קיין שייכות ניט צו דעם וואס עשה דוחה לא תעשה וכיו"ב — ווארום דאס (וואס עשה דוחה ל"ת) איז א דין אין עשה ול"ת גופא וואס תורה זאגט; בשעת אבער עס קומט א בשר ודם און וויל

---

35) ישעי' ה, כ.

36) תוד"ה הר — תענית טז, א.

37) ראה לקו"ת ר"ה ס, ב.

38) נסמן בלקו"ש ח"ד ע' 1088 הערה 11.

39) שענין המצור — בפשטות הוא: להפסיק תוספת חיזוק דהעיר (ע"י שיביאו לתוכה עניני אכו"ש וכו'), למנוע יציאה מן (והשפעה של) העיר מחוצה לה וכו'.

40) שבת קה, ב.

41) וכדבר משנה: עבירה גוררת עבירה (אבות פ"ד מ"ב).

מאַכן „מסחר״ אין מצוות און עבירות, „פאַרקויפן״ אַ קליינע מצוה ד. ה. אריינ־באַקומען אַן עבירה, בכדי צו „פאַר־דינען״ אַ גרויסע מצוה — ברענגט עס דערצו, אַז סוף סוף פאַרקויפט מען ניט נאָר „קלה שבקלות״ נאָר, ר״ל, אויך „חמורה שבחמורות״, כנ״ל.

ט. עפ״ז זיינען גדולי ישראל שבדו־רות שלפנינו אויך מסביר וואָס עס שטייט אויף דעם אויבערשטן „לא יקח שוחד״ [42]. דלכאורה תמוה: ס׳איז דאָך „לה׳ הארץ ומלואה״ [43], טאָ ווי איז שייך מען זאָל געבן עפעס דעם אויבערשטן (ובכוונת שוחד און מען דאַרף באַ־וואָרענען אַז „לא יקח שוחד״) ?

איז דער ביאור אין דעם: די איינציקע זאַך וואָס מ׳גיט, כביכול, דעם אוי־בערשטן (און במילא קען מען מיינען אַז דערמיט איז מען אים משחד) איז — ענינים וואָס זיינען פאַרבונדן מיט יראת שמים, וואָרום „הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים״ [44].

און אויף דעם זאָגט דער פסוק „לא יקח שוחד״: אַז מען זאָל זיך ניט איינריידן אַז מען קען משחד זיין דעם אויבערשטן.

יו״ד. די הוראה איז נוגע במיוחד בענין החינוך:

ס׳זיינען דאָ אַזוינע וואָס מיינען אַז בכדי צו פועל׳ן אויף די עלטערן אַז זיי זאָלן וועלן געבן זייערע קינדער אין כשר׳ע מוסדות [אָדער בכדי צו פועל׳ן אויף די קינדער גופא וואָס געפינען זיך דערוויילע בחוץ] דאַרף מען מאַכן פאַר־שידענע „קולות״ און „פשרות״ —

אויף דעם איז די הוראה פון „עשרה בטבת״, אַז אויב מען לאָזט צו ח״ו אַ מצור אויף ירושלים — לכאורה, נאָר אויף דער שלימות פון יראת השם — זאָל מען וויסן די תוצאות וואָס עס קומען אַרויס דערפון.

ניט נאָר וועט אַזאַ חינוך ניט ברענגען דעם קינד און צוגרייטן אים אַז שפּעטער, ווען ער וועט ווערן עלטער, זאָל ער זיין שטאַרק אין יראת שמים כדבעי, וואָרום אדרבה: אַזאַ חינוך לנער ברענגט אַז „גם כי יזקין לא יסור ממנה״ [45] פון דער וועג פון פשרות — נאָר נאָך מער: דורך דעם וואָס מען איז אים מחנך אַז מען „מעג״ פאַרבייגן אויף „קלות״ — איז די תוצאה דערפון, אַז ער וועט פאַרבייגן אויך אויף „חמורות״.

ואדרבה — אויב מען וויל זיין זיכער אַז דער קינד זאָל זיין אָפּגעהיט אין חמורה שבחמורות — מוז מען אים זאָגן דאָס וואָס עס שטייט אין תורת אמת. בשעת מען לערנט מיטן קינד אידישקייט, תורה באופן פון פשרות — דערפילט דער קינד סוף סוף אַז מען זאָגט אים ניט דעם אמת — ובמילא איז דאָס היפך האמת, און ער פאַרלירט דעם צוטרוי צום מחנך (אויך בנוגע צו דעם וואָס ער זאָגט אים אַז צו זיין אָפּגעהיט אין חמורה שבחמורות).

און וויבאַלד אַז יעדער פרט (סיי לטוב סיי למוטב) פון אַ מענטשן אין זיין יוגנט בעת ער איז נאָך אַ „שתיל״ אָדער אַ „גרעין״ [46] אַנטוויקלט זיך אין אַ פיל גרעסערע מאָס בעת ער ווערט עלטער,

---

42) עקב י, יז. וראה לקו״ש חכ״ד ע׳ 73 ואילך.

43) תהלים כד, א.

44) ברכות לג, ב.

45) משלי כב, ו. וברש״י שם: אם לטוב אם לרע. וראה רלב״ג שם.

46) ראה שופטים כ, יט: כי האדם עץ השדה. וראה קונטרס חנוך לנער ע׳ 37. וראה בארוכה לקו״ש ח״א ע׳ 82. ח״ו ע׳ 310 ואילך.

איז כדאי כל היגיעה וההשתדלות אַז דער חינוך זאָל זיין בשלימות בכל הפרטים.

יא. עד״ז איז אויך בשעת מען טרעפט אַ אידן וואָס אין יאָרן איז ער שוין אַ גדול, אָבער ער איז אַ קטן, קליין אין ענינים פון אידישקייט, טאָר מען ניט מאַכן אַ חשבון:

היות אַז אויב מען וועט אים זאָגן וועגן שלימות פון (אידישקייט) תורה ומצוותי׳, אַז עס זיינען אויך היינט דאָ תרי״ג מצוות דאַרף מען מורא האָבן אַז מען זאָל אים אינגאַנצן פאַרלירן, דעריבער וועט מען אים זאָגן אַז איצטער [47] האָט מען צוגעפּאַסט, ר״ל, די תורה צו דער צייט און באַשלאָסן (דורך אַן אָפּשטימונג פון די און די ברוב דעות) אַז עס זיינען דאָ נאָר אַ טייל פון די מצוות —

ח״ו ור״ל צו זאָגן אַזוי: מען דאַרף אים זאָגן דעם אמת אַז ער איז מחוייב (אַזוי ווי אַלע אידן אין אַלע דורות) צו מקיים זיין אַלע מצוות וואָס תורת אמת הייסט זיי מקיים זיין, ווארום „זאת התורה לא תהא מוחלפת (ח״ו)״ [48],

און אויב דערווייל קען מען אויף אים ניט פועל'ן ער זאָל גלייך מקיים זיין אַלע מצוות — דאַרף מען אָנהויבן צו ריידן מיט אים (בנוגע לקיום בפועל תיכף) בנוגע גלייך מקיים זיין אַ מצוה [49] וואָס מ'קען פועל'ן (עכ״פ — בספק וספק ספיקא) און „מצוה גוררת מצוה״ [50] — וועט די מצוה ברייינגען אים צום קיום פון נאָך אַ מצוה [51], ביז אַז ער וועט ווערן „תמים ושלם בכל אברי הנפש״ [52] — ברמ״ח אברים כנגד רמ״ח מ״ע, און בשס״ה גידים כנגד שס״ה מל״ת.

יב. דאָס איז אויך פון די ענינים וואָס מען דאַרף אַרויסנעמען פון עשרה בטבת

— ובמיוחד פון עשרה בטבת בשנה זו, וואָס די קביעות פון עשרה בטבת איז ביום השלישי שהוכפל בו כי טוב [53], „טוב לשמים וטוב לבריות״ [54] —

אַז נוסף צו דער תשובה וואָס יעדער איד דאַרף טאָן בנוגע צו די ענינים וואָס בינו לבין קונו („טוב לשמים״), דאַרף זיין די תשובה אויך בנוגע צו טאָן מיט אידן, ביז אַפילו מיט „בתיות״ [55]

אַז פון עשרה בטבת אָן זאָל ער אָנהויבן טאָן ביתר שאת וביתר עז אין דער עבודה פון „אוהב את הבריות ומקרבן לתורה״ [56], דורך פועל'ן אויף זיי

47) ידועה ה„קושיא׳ — שאין עתה מצות קרבנות, חידוש תקנת פרוזבול וכו׳ — וקושיא מלכתחילה אינה, כי זהו פרט בדין תורה בקרבנות שיהיו בביהמ״ק (כמו הדה״נ בערש״ק דוקא) ושמיטה רק ביחיד ולא בב״ד וכו׳.

48) עיקר הט׳ מי״ג עיקרים. וראה רמב״ם הל׳ יסוה״ת רפ״ט. הל׳ מלכים פי״א סוף ה״ג. פיה״מ לפ׳ חלק יסוד התשיעי (ע״פ הוצאת הרב קאפח — שהחזיר עטרה — ההשמטות — למקומן).

49) שהרי גם כשהוא במצב כזה שאינו רוצה כלל לקיים מצוות, מחוייב הוא בכל אחת מהן [ובמכ״ש ממ״ש הרמב״ם (אגרת השמד (ד״ה והמין הרביעי), אגרת תימן (ד״ה ויש עלינו לשמוח)) לענין ירבעם בן נבט — אף שהוא יוצא מהכלל דכל ישראל יש להם חלק לעוה״ב], ומחוייבים [מצד אהבת ישראל, ערבות, ועוד] להשתדל שיקיים מצוה — איזו שאפשר להשפיע עליו בזה והוכח תוכיח אפילו מאה פעמים.

50) אבות פ״ד מ״ב.

51) ראה ג״כ פיה״מ להרמב״ם במרז״ל (סוף מכות): רצה הקב״ה לזכות כו׳.

52) לקו״ת נצבים מה, ג.

53) ראה פרש״י בראשית א, ז.

54) קידושין מ, א. ובאוה״ת (בראשית לג, ב. משפטים ע׳ א׳קנז. ועוד) מקשר זה עם יום השלישי שהוכפל בו כי טוב.

55) ראה תענית כ, ב. תניא פרק לב.

56) אבות פ״א מי״ב. וראה תניא שם.

דעם קיום המצוות גלייך אין וואס עס לאָזט זיך פועל'ן אויף זיי, און אויב באמת לית ברירה — עכ״פ איין מצוה, עטלעכע מצוות

ומה טוב — אָנהויבענדיק פון די מצוות כלליות (די צען מבצעים [57]) — וואס דאָס וועט זיי ברייננגען סוף סוף (כנ״ל) צום קיום פון אַלע מצוות.

יג. נאָך אַ ענין אין „אוהב את הבריות ומקרבן לתורה": אַז בשעת מען זעט אַ אידן וואס מיינט אַז מצד מצבו ומעשיו בעבר איז ער ניט שייך צו (כל ה)תומ״צ, און אבדה תקוותו ח״ו — דאַרף מען אים מעודד זיין (ובתוקף ובספ״י) — דורך מסביר זיין אים אַז בשעתא חדא וברגעא חדא קען ער נתהפך ווערן מן הקצה אל הקצה [און דאָס איז ניט סתם אַן עידוד לשם עידוד, נאָר דאָס איז אַ פס״ד פון תורת אמת [58]],

אויך דאַרף מען אים מסביר זיין (כאמור לעיל) אַז דורך דעם וואָס ער וועט אָנהויבן מקיים זיין איין מצוה עכ״פ, ובפרט פון די מצוות כלליות — איז דאָס גופא וועט אין אים פועל'ן אַ זיכוך און ברייננגען אים סו״ס צום קיום פון אַלע מצוות.

יד. די הוראה הנ״ל פון עשרה בטבת [אַז מען טאָר ניט פאַרבייגן איין מצוה צוליב אַ צווייטער] איז שייך במיוחד צו עסקנים:

ס'זיינען דאָ לײדער אַזױנע עסקנים וואָס מאַכן אַ „מסחר" מיט מצוות. מען איז זיך עוסק „באמונה" אין מוותר זיין אויף איין מצוה, מיטן אויסרייד אַז צוליב דעם וועט מען „פאַרדינען" אַ צווייטע מצוה (טענה'נדיק, אַז די מצוה וועלכע מען „פאַרדינט" איז מער נוגע, אָדער אַז זי איז מער על סדר היום, וכיו״ב).

דאַרף מען וויסן אַז דער אויבערשטער איז „לא יקח שוחד", און דאָס וואָס מען טאָר ניט על פי תורה — איז אַ איסור גמור, אפילו ווען מען וויל זיך איינריידן (אָדער איינריידן אַ צווייטן) אַז דאָס וואָס מען שווייגט בנוגע איין ענין איז בכדי צו פאַרדינען אַ צווייטן ענין.

ובפרט נאָך אַז מען האָט שוין אָפּגעטייטשט בפירוש בנוגע צו כמה ענינים אַז די שתיקה פון די עסקנים איז אַ (שתיקה כ)הודאה.

טו. והדגשה יתרה בכהנ״ל — לויט דעם רמז־פירוש אין „עוסק בצרכי צבור באמונה" — אַז די עסקנות איז דורכגעדרונגען מיט אמונה אין דעם אויבערשטן,

אַז דאָס וואָס ער קען אויפטאָן (דורך זיין עסקנות) בצרכי צבור איז עס ניט ח״ו מצד כחו ועוצם ידו [59] (זיין חכמה וכו׳) נאָר מצד דערויף וואָס „הוא הנותן לך כח לעשות חיל" [60]

ביז ועיקר — אַז נאָר די אמונה אין דעם אויבערשטן איז די סיבה וואָס

---

57) הידועים והן: מבצע אהבת ישראל, חינוך, תורה, תפילין, מזוזה, צדקה, בית מלא ספרים — יבנה וחכמי׳, נרות שבת קודש ויו״ט, כשרות האכר״ש, וטהרת המשפחה.

58) קידושין מט, ב. שו״ע אה״ע סל״ח סל״א.

59) וידועה דעת הסמ״ג (מל״ת סד) וז״ל: ומכאן אזהרה שלא יתגאה האדם במה שחננו הבורא הן בממון הן ביופי הן בחכמה אלא יש לו להיות ענו מאד ושפל ברך לפני ה׳ אלהי׳ ואנשי׳ ולהודות לבוראו שחננו זה המעלה .. וארא בחלום במראית הלילה הנה שכחת את העיקר השמר לך פן תשכח את ה׳ והתבוננתי עליו בבקר והנה יסוד גדול הוא ביראת השם.

60) עקב ח, יז־יח.

*) התחלת הענין ד„כוחי ועוצם גו׳ כי הוא הנותן גו׳".

ברײנגט אים צו זײן אַן עסקן: בשעת ער זעט אַז מען איז אים מכריח צו טאָן אין עסקנות ציבורית, חאָטש ער איז באמת בורח מן הכבוד, װײס ער, אַז דאָס איז אַ הוראה מלמעלה אַז ער דאַרף טאָן אין דעם און נאָר דערפאַר איז ער אַן עסקן —

במילא איז דאָך ניטאָ קײן אָרט אַז ער זאָל װערן אַ משוחד פון כבוד, פון דעם בײנקל וכו', און זיכער ניט — אַז זײ זאָלן װערן „לחמו" אָן װעלכן (לדעתו) ער קען ניט אױסקומען —

װאָס דאַמאָלסט „פאַרקױפט" ער די מצוה קלה (לדעתו) און דאָס װערט די התחלה אַז מחמת דער דאגה תמידית פן יחסר לחמו — כבוד און דער בײנקל — פאַרקױפט ער אַ מצוה חמורה וכו',

משא"כ אױב בעל כרחך אתה עסקן, ועוד וג"ז עיקר ער װײס כנ"ל אַז זײן עסקנות והצלחה איז ניט כוחו ועוצם ידו נאָר זײן עסק בזה איז נאָר אַ כלי און לבוש צום „וברכך הוי' אלקיך" [61]

61) ראה טו, יח.

— איז פשוט, אַז דאָס װעט אױך ברײנגען [62] ער זאָל זײן „עוסק בצרכי צבור באמונה" כפשוטו, צוליב טובת הציבור און ניט כו', און זײן עסקנות װעט זײן כפי רצון ה', װאָס דאַן דוקא איז עס אַ כלי צום ברכת ה'.

• • •

ויה"ר אַז דער עסק בצ"צ באמונה לויט תוה"ק און דער חינוך באמונה לויט תוה"ק זאָלן נאָכמער צואײלען ביאת משיח צדקנו, און ער װעט מסיים זײן דעם גלות און דערנאָך [63] װעט זײן די אתחלתא דגאולה, און תיכף דערנאָך — די גאולה בשלימותה, „והיתה לה' המלוכה" [64].

62) וכמשנ"ת בארוכה בקונטרס ומעין מכ"ה פ"ג. ד"ה וידעת תרנ"ז. וראה גם ד"ח בהקדמה (ג, א ואילך). סהמ"צ להצ"צ מצות תגלחת מצורע ס"ג.

63) כפס"ד הרמב"ם הל' מלכים ספי"א ובתחלתו. וראה בארוכה לקו"ש ח"ה ע' 149 הערה 51.

64) עובדי' א, כא.